בס"ד

# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

פרשת בא




## די ריכטיגע גאולה

**די** גמרא אין מסכת ברכות (דף ד' ב.) זאגט: "ווער עס איז סומך גאולה לתפילה וועט זוכה זיין צו עולם הבא". יציאת מצרים איז אזוי וויכטיג פאר כלל ישראל אז דאס איז די לעצטע זאך וואס מען דאנקט דעם אויבערשטן בעפאר מען ווענדט זיך צו אים איבער אלע אנדערע געברויכן. דערפאר מאכט מען נישט קיין הפסק צווישן די ברכה פון "גאל ישראל" און "ה' שפתי תפתח".

די גמרא ברענגט ארויס אז די הלכה איז נאר שייך ביי תפילת שחרית. ביינאכט ביי מעריב נאך די ברכה פון "גאל ישראל" זאגט מען "השכיבנו" און "קדיש" און דערנאך שטעלט מען זיך דאווענען שמונה עשרה. מען מאכט א הפסק צווישן גאולה און מעריב. די גמרא ערקלערט די סיבה דערצו: ווייבאלד "גאולה מאורתא לא הויא גאולה מעלייתא," די גאולה וואס איז פארגעקומען אינמיטן דער נאכט איז נישט געווען די ריכטיגע גאולה. נאר אינדערפרי, ווען מען האט פארלאזט מצרים, דאס איז געווען די ריכטיגע אויסלייזונג.

אויב אזוי, וועלכע גאולה איז געווען אינמיטן דער נאכט ווען פרעה האט זיך אויפגעוועקט מיט א בהלה לויפנדיג אין די גאסן ארויסצושיקן כלל ישראל פון מצרים? מען איז טאקע נישט ארויס ביז אינדערפרי, אבער מען איז שוין געווען פריי אינמיטן דער נאכט, פארוואס ווערט עס נישט פאררעכנט אלס די ריכטיגע גאולה?

### רובאשקין גייט אהיים

**אן** ארעסטאנט וואס שימלט אין דומפיגע תפיסה צעלן, און האט שוין אויפגעגעבן יעדע האפענונג צו זען אמאל דער שיין פון די זון, ער ווייסט נישט אויב ער וועט נאך אמאל זוכה זיין צו זען זיינע קינדער און משפחה. און דאן אינמיטן נאכט ווען זיין געמיט איז אין דר'ערד, קומט אריין דער תפיסה וועכטער און מעלדט אים אז מען האט אים באגנעדיגט און ער קען יעצט ארויסגיין אויף דער פריי! דער ארעסטאנט ווערט שאקירט, ער מיינט אז זיינע אויערן נארן אים, ער ווייסט נישט אויב ער חלומ'ט אדער ס'שפילט זיך אפ ווירקליך. "איך בין פריי!" חזר'ט ער איבער נאכאנאנד, און קען קוים גלייבן זיינע אייגענע ווערטער.

דער מענטש וויל שוין נאר ארויסלויפן דורך דער טיר און פארגעסן פון אלע תפיסה קאשמארן, אבער ער קען נאכנישט גיין, ווייל די ערשטע טראנספארטאציע וואס פירט ארויס פון תפיסה איז ערשט אינדערפרי. בלית ברירהווארט ער אומגעדולדיג נאך עטליכע שעה ביז די זון שיינט אויף און ער קען אריבערגיין די תפיסה גראטעס אהיימצוגיין.

ווען וועט דער מענטש פראווען די סעודות הודאה יעדעס יאר? ס'איז קלאר אז דער מענטש וועט שטענדיג געדענקען די נאכט ווען דער תפיסה וועכטער האט איפגעשפארט דעם שלאס פונעם צעל און אים איבערגעגעבן די גוטע בשורה אז ער איז פריי. וואספארא אונטערשייד זענען די טעכנישע הכנות וואס האט אים גענומען ארויסצוגיין פון תפיסה?

אבער ביי יציאת מצרים טרעפן מיר דאס פארקערטע. אינמיטן נאכט ווען די מצרים האבן געשריגן פון שרעק און די בני ישראל האבן געטאנצט פון פרייד, ווען זיי האבן באקומען די בשורה איבער זייער פרייהייט. חז"ל זאגן אונז אבער, אז די גאולה ווערט גערעכנט אינדערפרי ווען מען האט פארלאזט דאס לאנד.

## די פיזישע אויסלייזונג

**כ'וועל** אייך דא אנטפלעקן א וויכטיגע נקודה: ס'איז געווען צוויי חלקים פון יציאת מצרים, דאס ערשטע איז געווען די פרייהייט פונעם יאך פון פרעה. אונז ארויסצונעמען פון קנעכטשאפט. מען דארף פארשטיין וואס דאס מיינט. ס'איז געווען א ביטערע גלות. זיין א קנעכט מיינט נישט דווקא ארבעטן און קיין באצאלט, ס'מיינט פיל מער. ס'מיינט זיין פארשעמט, דערנידערט, נישט קענען פירן די אייגענע לעבן און דערגרייכן צילן צו וואס מ'וויל צוקומען. זיין א קנעכט מיינט פארשווענדן די שענסטע יארן פון לעבן צו פאלגן די באפעלן און משוגעת'ן פון א רשעות'דיגן אויבערהאר. אין מצרים איז געווען הארצרייסנד פאר די עלטערן צו שטיין פונדערווייטנס צוקוקנדיג ווי זייערע קינדער ליידן אונטער די ביטערע ארבעט, שעדיגנדיג זייער געזונט און צומאל לעבן, כדאי צו בויען פיראמידן פאר די מצריים אנשטאט צו לערנען מיט זייערע עלטערן די מסורה פון זייערע אור-עלטערן.

דערפאר עסן מיר מרור עד היום, צו געדענקען די ביטערע לעבן וואס אונזערע אור-עלטערן האבן מיטגעמאכט און דערמאנען די טרערן וואס זיי האבן פארגאסן. דעריבער וועלן מיר שטענדיג געדענקען דעם געוואלדיגן חסד וואס דער אויבערשטער האט אונז געטון מיט דעם וואס ער האט אונז אויסגעלייזט פונעם יאך פון פרעה.

## די גייסטיגע גאולה

**ס'איז** פאראהאן נאך א חלק פון דער גאולה, דאס איז געווען די גאולה פונעם גלות פון וואוינען צווישן די מצריים. צו וואוינען צווישן די גוים איז א געפערליכע שעבוד. מצרים איז געווען דאס מערסטע פארגעשריטענע מדינה פון אמאליגע צייטן. ס'איז געווען א הערליכע, פרוכטבארע לאנד מיט הויכע בנינים, מייסטערהאפטיגע פיראמידן וועלכע זענען געשטאנען שטאלץ און דאס לאנד איז געווען באצירט מיט קונסטווערק פון אלע זייטן.

מיינט נישט אז ס'איז געווען א קלייניקייט. מ'רעדט דא פון אן איידעלע פאלק וואס וואוינט צווישן די מערסטע סעפיסיקירטע מענטשן. ווי אימער די אידן זענען געגאנגען האבן זיי זיך אנגעטראפן מיט רייך-געקליידעטע אריסטאקראטישע מצריים, סאלדאטן וועלכע רייטן אויף פערד געפירט דורך אטעם-פארכאפנדע וועגענער. און אסאך האבן ארויפגעקוקט אויף זייערע רייכע אויבערהארן. די מצריים זענען געווען א געלערנטע פאלק בעת מיר זענען געווען אן איינפאכע פאלק אן קיין ספעציעלע אייגנשאפטן, מיר האבן זיך נישט טרענירט מיט אסטראנאמיע, אדער מאטעמאטיק וכדו'. מאכט נישט קיין טעות, אין רוחניות זענען מיר גוט געלערנט. מיר דינען דעם אויבערשטן, ארבעטן אויף מידות, מיר זענען געלערנט אין זאכן וואס די גוים טראכטן בכלל נישט דערפון. אבער זיי האבן די מאטעריאליסטישע דערגרייכונגען וואס וועט גורם זיין אז די שוואכערע זאלן מקנא זיין, און ערגער פון אלעם וועט עס צוברענגען צו אסימילירן זייערע אנשוויאונגען און צילן אין לעבן.

אזעלכע נסיונות האבן די אידן געהאט אויסצושטיין טאג טעגליך. זיי האבן געהאט א שווערע ארבעט אויסצואווארצלען די שעדליכע השפעות און קולטור וואס זענען אריינגעקראכן אין זייער מח. די שוועריקייטן איז נישט געווען קיין צופעליגע עקסידענט פון היסטאריע, נאר איינע פון די גרויסע סיבות פון אונזערע לאנגע גלות אין מצרים, אונז צו פרואוון אויב מיר וועלן קענעןביישטיין דעם עול פון זיין ארומגענומען מיט מענטשן מיט אנדערע צילן פון אונז.

מיר זאגן, "לא שינו את לשונם", די בני ישראל האבן זיך געהאלטן אפגעזונדערט. זיי זענען געווען גרויסע לייט און האבן זיך געהאלטן צו זייער מסורה. זיי האבן געוואוסט אז זיי זענען אנדערש ווי די פרעמדע פעלקער און וועלן בלייבן אנדערש. זיי האבן זיך נישט גערופן לויט די מצרי'שע נעמען, זיך נישט געקליידעט לויט די מצריים, און האבן גערעדט זייער מאמע לשון, נישט גערעדט מצריי'ש אזוי ווי מיר רעדן ענגליש!

מיט דעם אלעם איז דאס וואוינען אין מצרים געווען א גרויסע סכנה פאר'ן עם ישראל. די גוי'שע אטמאספער

האט זיי ארומגענומען פון אלע זייטן, ס'איז געווען א פארמעסט זיך צו האלטן שטארק. ס'איז שווער נישט צו ווערן אפעקטירט פון די פרעמדע השקפות וואס נעמט זיי ארום. וויפיל מען פארקלאפט די טיר קעגן די שלעכטע השפעות פון די גוים וועט עס אריינקריכן דורך יעדן שפאלט.

ס'איז געווען א שווערע קאמף. זיי האבן זיך געדארפט קריגן קעגן דעם קולטור פון די מצריים און אסאך זענען פארלוירן געווארן ווען זיי זענען געפאלן א קרבן צו די שעדליכע השפעות. נישט אלע אידן זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים, א גרויסער חלק זענען געבליבן. כ'האב נישט ליב צו רעדן פון דעם, ס'איז געפערליך צו זאגן אז נאר א פינפטל פון כלל ישראל זענען אויסגעלייזט געווארן. "וחמושים עלו בני ישראל מארץ מצרים (שם י"ג.י"ח). ס'איז געפערליך צו הערן אזעלכע ווערטער. פיר פינפטלעך פון בני ישראל זענען פארלוירן געווארן צווישן די פרעמדע השפעות פון די מצרים! און ס'איז דא ערגערע ווערטער פון דעם, כ'וועל עס נישט ברענגען יעצט ווייל ס'איז שווער צו הערן...

דערפאר קען מען פארשטיין, אז צו זיין פארכאפט צווישן די גוי'שע השפעות איז א גרעסערע סכנה ווי שווערע פיזישע ארבעט. וואס איז א גאולה ווערד אויב זיי וועלן יעצט זיין פריי צו זיין פארשקלאפט צו די פרעמדע השפעות פון די גוי'שע נייגונג.

די גאולה וואס איז פארגעקומען אינמיטן דער נאכט איז געווען די פיזישע אויסלייזונג פון קנעכטשאפט. אבער ווען זיי זענען ארויסגעגאנגען אינדערפרי פונעם לאנד וואס האט געדראעט צו מאכן א חורבן אין זייער מח, דאס איז געווען די ריכטיגע גאולה. ארויסצוגיין אין מדבר ארומגענומען בלויז מיט ערליכע אידן וועלכע זוכן נאר צו דינען דעם אויבערשטן איז די איינציגע גאולה וואס מאכט אויס. די "גאולה מצפרא" איז געווען וויכטיגער ווייל ס'איז געווען א גאולה רוחני, די אויסלייזונג פון אונזער נשמה. דערפאר דארף מען אינדערפרי זיין פארזיכטיג צו סומך זיין גאולה לתפילה, מען מאכט זיכער אנצוהייבן גלייך "השם שפתי תפתח".

דערפאר האט דער אויבערשטער געזאגט ביי מתן תורה: "אנכי השם אלוקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים". צוויי זאכן זאגט דער אויבערשטער: "פון די לאנד מצרים", און "פון די הויז פון קנעכטשאפט". מ'רעדט דא פון צוויי חסדים וואס דער אויבערשטער האט געטון, ער האט אונז ארויסגענומען פונעם בית עבדים אבער דער ערשטער חסד איז וויכטיגער, ער האט אונז ארויסגענומען פון דאס לאנד מצרים. אוודאי איז א גרויסע זאך צו ווערן פריי פון קנעכטשאפט אבער ס'איז נישטיג קעגן די גאולה פון ארץ מצרים. ווייל לעבן אין אן אטמאספער צווישן גוים און אריינאטעמען די שעדליכע לופט פון גוי'שע נייגונג און איינזאפן די גוי'שע קולטור און מידות רעות איז די ערגסטע פראבלעם פון דער וועלט.

## גוי'שע קלעצער

**יעצט** וועלן מיר אנקומען צו דער טעמע פון גוים. פארוואס האבן די גוים א פלאץ אויף דער וועלט? ווער דארף זיי האבן בכלל? מיר זענען די אויסדערוועלטע פון דער אויבערשטער און דאך זענען מיר בלויז א קליין פראצענט, א נישטיג צאל מענטשן ארומגענומען מיט א רוישיגן ים פון אומות העולם. די אמעריקאנער, די רוסישע, אייראפעער, איזראעליס, קאנאדישע, מעקסיקאנער וכד'. מיר זענען מעט מכל העמים (דברים ז. ז.). האט איר זיך אמאל געוואונדערט פארוואס די תורה זאגט אויף אונז מעט מכל העמים, איז נישט דא נאך קליינע פעלקער איבער די וועלט, אין אפריקע אדער אזיע? אין די דזשונגלען קען מען טרעפן גענוג קלענערע פעלקער ווי עם ישראל.

מעט מכל העמים מיינט, אז מיר זענען א קליינע פאלק וועלכע שטייען קעגן דעם קולטור פון א גאנצע וועלט. אלע פרעמדע פעלקער זענען ווי איינס, פול מיט תועבות און שלעכטע מידות, איינגעזינקען אין שלעכטס. מיר, עם ישראל זענען נישטיג אין צאל קעגן די גאנצע וועלט וועלכע שטייען צוזאמען.

פארוואס טאקע איז עס אזוי? אויב מיר זענען די תיקון עולם פארוואס זענען דא ביליאנען גוים מיט הונדערטער סארט קולטורן? ס'איז פארהאן אויף דעם עטליכע סיבות, איך וועל מיך בעזהשי"ת באציען צו איין סיבה.

## שעבוד מלכיות

**"אמרה** כנסת ישראל לפני הקדוש ברוך הוא, רבש"ע רצוננו לעשות רצונך," (ברכות י"ז א.) כנסת ישראל שרייט אויס צו הקדוש ברוך הוא, מיר ווילן טון דיין רצון. אבער וואס האלט אונז צוריק פון דינען דעם אויבערשטן? שעבוד מלכיות! אונזער צרה איז, די פרעמדע פעלקער.

מען קען קלערן אז "שעבוד מלכיות" מיינט, אז מיר זענען געצווינגען צו גיין אין גוי'שע שולעס. מיר זענען נישט פריי צו טון וואס מיר ווילן. מיר זענען געצווינגען צו ארבעטן, צו צאלן שווערע שטייערן פאר דער רעגירונג. אין דער פארגאנגענהייט איז מען געווען פארפלאגט דורך די פרעמדע פעלקער. אלעס איז אמת אבער נישט דאס איז אונזער גרעסטע צרה.

## מיר דערטרינקען זיך

**"שעבוד** מלכיות" מיינט אז מיר זענען ארומגענומען מיט אומות העולם ווען יעדער גוי קומט מיט זיין גוי'שן קאפ אונז צו פארדרייען דעם קאפ. מיר לעבן אין א ים פון גוים און מיר דערטרינקען זיך אין זייער קולטור. ס'איז נישט באַ'טעמ'ט צו זאגן אז רוב פון אונז דערטרינקען זיך...

די גוים זענען א גרויסע פראבלעם פאר אונז. מיר רעדן זייער שפראך, מיר קליידן זיך און זעען אויס ווי זיי. שוין געקומען די צייט אפצולאזן די אמעריקאנער גוי'שקייט. אוודאי דארף מען צאלן שטייערן און צומאל אויפהענגען אן אמעריקאנער פאן צו ווייזן פאטריאטיזם. איר זאלט טון אלעס וואס מען ערווארט פון א געטרייער בירגער, **אויסער** ווערן נשפע פון די אמעריקאנער געזעלשאפט. מען דארף זיך אפשאקלען פון די אמעריקאניזם.

## דינען עבודה זרה מיט א קאפטן און בעקיטשע

**און** קיינער איז נישט פארזיכערט בייצושטיין דעם נסיון. קיינער! אפילו נישט דער מענטש מיט'ן לאנגן בארד, דער עובד השם. די גמרא אין סנהדרין (קי"ב. ב) דערציילט אונז ווי רב אשי האט אויסגערופן אז דעם קומענדיגן טאג וועט ער איבערגעבן א שיעור אויף מנשה המלך, "אונזער חבר". רב אשי האט געוואלט רעדן איבער דעם וואס מנשה המלך האט אפגענייגט פונעם ריכטיגן וועג ווען ער האט געדינט עבודה זרה אבער באלד נאך וואס מנשה האט תשובה געטון, האט ער אים אנגערופן "חבר".

יענע נאכט איז מנשה המלך געקומען צום חלום צו רב אשי און אים געפרעגט א שאלה אין הלכה אויף וואס רב אשי האט נישט געוואוסט די תשובה. "און דו רופסט מיר אן "חבר?" האט אים מנשה המלך פארגעווארפן. "איך בין דיין רבי!"

"אויב איר זענט אזוי גרויס אין תורה, ווי אזוי האט איר געקענט דינען עבודה זרה?" האט אים רב אשי געפרעגט.

"אויב איר וואלט געווען דארט אין יענער צייט, וואלט איר זיך אנגעכאפט אין עק פון מיין קלייד און איר וואלט מיר נאכגעלאפן..." האט אים מנשה המלך צוריקגעענטפערט.

ס'כאפט אן א פחד דאס צו הערן. רב אשי איז געווען דער פירער פון עם ישראל, דער גרויסער ראש ישיבה. רב אשי וואס האט מסדר געווען תלמוד בבלי, די גאנצע תורה איז געווען אין זיין קאפ. און מנשה המלך זאגט עדות אז ער וואלט אים נאכגעלאפן צו דינען עבודה זרה!

ס'דארף ארויסגעברענגט ווערן אז דער אינצידענט איז נישט געווען קיין עקסידענט. אלעס איז געווען פונקטליך אויסגערעכנט מיט א חשבון פון הקדוש ברוך הוא צו פרואוון עם ישראל מיט'ן נסיון פון עבודה זרה צו זען אויב זיי וועלןביישטיין די השפעות פון די גוים.

## אן עבודה זרה אין טאש

**איך** וויל אייך מגלה זיין א סוד. איר ווייסט פארוואס עבודה זרה גלוסט אונז מער נישט? דאס איז ווייל פאר די גוים גלוסט עס אויך מער נישט. אויב די גוים וואלטן זיך געבוקט צו די עבודה זרה אזוי ווי אמאליגע צייטן וואלטן מיר געווען אויף געהאקטע צרות. עס וואלטן געווען פרומע אידן מיט בערד און פאות וואס וואלטן געהאלטן א קליינע עבודה זרה'לע

אין זייער טאש, און טראץ דעם וואס זיי דאווענען דריי מאל אין טאג און זיי עסן נאר גלאט כשר וואלטן זיי פון צייט צו צייט, למשל בעפאר א וויכטיגע מיטינג מיט א קאסטומער, ארויסגענומען דעם עבודה זרה פון טאש און איר געקושט, זאגנדיג: "ביטע עבודה זרה, העלף מיר... ניין, איך לייקן נישט אין באשעפער אבער איך וויל טאנצן אויף ביידע חתונות. ביטע העלף מיר!..."

אזוי איז געווען אמאליגע צייטן. ס'איז געווען א געוואלדיגע גלוסטעניש צו עבודה זרה. די פעלקער ארום דער וועלט האבן זיך געדונגען איבער דעם כח פון זייער עבודה זרה און זיי זענען געווען זיכער מיט דעם 'אמת'. ס'זענען געווען מיליאנען מענטשן וועלכע האבן זיך געקלאמערט איבער די ווארהייט פון זייער עבודה זרה.

היינטיגע צייטן לאכט די וועלט אפ פון עבודה זרה דערפאר האבן מיר נישט דעם נסיון, אבער ס'איז דא אנדערע פארעמס פון עבודה זרה און זיי זענען שוין גארנישט צו לאכן דערפון, ווייל וואס ס'איז אנגענומען אין דער וועלט קריכט ליידער צוביסלעך אריין אין אונזערע היימען.

און דאס איז אלעס מיט א חשבון פון דער רבוש"ע אונז צו פרואוון. דער עיקר ציל פון די פעלקער וועלכע פארמערן זיך אין א גרויסן צאל, זענען דא אונז צו שטעלן אין נסיונות. זיי שטייגן אונז ווייט אריבער אין צאל אונז צו פרואוון אויב מיר וועלן בלייבן געטריי צו הקדוש ברוך הוא.

## א איד איז א מזבח

**מיר** ווייסן אז דער אויבערשטער געבט רפואה קודם למכה, א לייזונג ווערט שטענדיג געגעבן פאר יעדע שוועריקייט וואס דער אויבערשטער שיקט צו אונזער זייט. דאסמאל איז עס געווען דעם קרבן פסח. איינע פון די סודות פון קרבן פסח איז געווען אז מען האט עס געגעסן אינדערהיים, מיט פארמאכטע לאדנס, צו ווייזן אז אזוי דארף מען טון צו דער דרויסנדיגער וועלט.

און וואס האבן זיי געטון אונטער די פארשלאסענע טירן? זיי האבן זיך געזעצט עסן דעם קרבן פסח אינאיינעם מיט זייערע פאמיליעס. מען מוז פארשטיין אז דאס איז געווען דאס ערשטע מאל וואס מען האט געגעסן א קרבן. אדם הראשון, קין, הבל, נח וכד' האבן געברענגט א קרבן אבער ס'איז זיי נישט איינגעפאלן אריינצולייגן אין מויל פלייש וואס איז מקודש פאר'ן אויבערשטן.

אבער דער קרבן פסח איז געווארן א דעקלעראציע פונעם הויכן שטאנד פון עם ישראל וועלכע איז געבוירן געווארן יענעם נאכט. דער אויבערשטער האט זיי איינגעמאלדן: "איר זענט הייליגע מענטשן!" (שמות י"ט ו.). דאס אריינעמען די הייליגע פלייש אין מויל אפגעזונדערט פון דער גאנצער וועלט, האט דעקלערט דעם פרינציפ: "בנים אתם לה' אלוקיכם".

## קדושים תהיו

**פאר** מען טוט א מצוה זאגט מען: "**אשר קדשנו במצוותיו**", ער האט אונז געהייליגט מיט זיינע מצוות. ווי אזוי האט ער אונז געמאכט הייליג און וואס מיינט הייליג בכלל? ס'קען מיינען אז ווען מען טוט א מצוה ווערט מען פארפלייצט מיט א העכערע געפיל וואס נעמט ארום דעם מענטש, קען זיין; אבער איך זאג נישט אז דאס איז וואס "הייליג" מיינט. הייליג מיינט אז מיר זענען אפגעזונדערט פון די וועלט. ווען מיר טוען מצוות ווערן מיר אפגעזונדערט אלס א פאלק וואס עקזיסטירן אויף דער וועלט כדי צו דינען דעם אויבערשטן. די מצוות קומען צו ווייזן אז מיר זענען די אויסדערוועלטע וואס זענען געטריי נאר צו אים.

"**ואבדיל אתכם מן העמים להיות לי**", איך האב אייך אפגעזונדערט פון די גוים אז איר זאלט זיין מיין. ואבדיל אתכם מן העמים מיינט, איר זאלט זיין אנדערש ווי אנדערע פעלקער. מיר האבן באקומען מער אן אפגעהיטענע דיעטע, א דיעטע וואס דעמאנסטרירט אריסטאקראטיע.

"גאוותן של ישראל," דער כבוד וואס א תורה איד האט, וועט אים געבן דעם כח אראפצוקוקן און פאר'מיאוס'ן די דרויסנדיגע וועלט. און מיר ווייסן דעם אמת, אז ס'איז נישט דא וואס צו טרעפן ביי די אומות העולם. מיר קוקן ארויף צו הקדוש ברוך הוא און מיר ווייסן אז נאר ביי אים איז דא גרויסקייט!

## צו באשטעלן ביי אונז
## קונטרסים גליונות פאר:

שבת באווארפן / שבת שבע ברכות,
שבת התוועדות, אא"וו.

מיט די תפילות, קריאת התורה,
זמירות און ברהמ"ז

**לויט אייער פארלאנג,**

פארבינדט אייך מיט אונז ווי פריער אין וואך

**615.680.9029**
gilyonosshabbos@gmail.com




***ליינט די גליון יעדע
וואך אין די קונטרס
"גליונות לשב"ק",***

# איר ווילט אוודאי אריינגיסן חיות אין הינדערטער מענטשען

מיט אפאר דאללאר

# רופט אריין צו אויסקלויבן אייער וואך

## רופט: 845-213-7571

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכען

# נדבת השבוע

פ׳ בא נתנדב ע״י
הרה״ג ר׳ יצחק יקותיאל ביקעל שליט״א
לרגל נישואו בנו נ״י
יהי רצון שיזכו לבנות בית נאמן בישראל עם כל טוב סלה

FLYINKOLORS
718.207.7888

# צער גידול בנים

## שאלה:

**וואס זאל א מענטש טון ווען ער גייט אריבער אסאך שוועריקייטן בשעת'ן האדעווען זיינע קינדער?**

## תשובה:

**א** מענטש וואס ערציט קינדער בדרך התורה מיט אלע שוועריקייטן ארומגענומען, זאל ער וויסן אז זיין שכר איז געוואלדיג גרויס. די גמרא ברענגט אז אויב א מענטש האט צער גידול בנים, "אינו רואה פתחה של גיהנום" ער וועט נישט דורכגיין די טיר פון גיהנום. קומט אויס אז ווען איר וועט גיין פון דער וועלט וועט איר גיין גלייך צו עולם הבא!

שאלות און תשובות

מיט

ר' אביגדור מיללער זצ"ל

**די** מצוה פון גידול בנים איז איינע פון די גרעסטע מצוות פון די תורה. איר ווייסט וואס מיינט ברענגען קינדער?! איר ליידט פאר דעם, אבער ווי מער איר ליידט אלס מער איז דער שכר. אויב איר האט גוטע קינדער וועלכע זענען אייך נישט גורם קיין שוועריקייטן, ווייבאלד זיי האבן אויסגעוועלט פון זיך אליינס צו זיין וואויל און גוט, וועט איר נאך אלץ באקומען שכר אבער נישט דער שכר וואס מען באקומט פאר'ן ליידן.

**צער** גידול בנים פארוואנדלט אייך פאר רייכע לייט. איר זאלט וויסן אז דער שכר אין גן עדן איז צו זיצן אויף א גאלדענעם טראן, נאר ווייל איר האט געליטן ביים ערציען קינדער צו דינען דעם רבונו של עולם. דאס איז דער ריכטיגער געווינס פון א איד אויף דער וועלט, צו האדעווען א משפחה וואס וועט דינען דעם אויבערשטן, דאס בלייבט לנצח נצחים!

מהדורת אחת שאלתי
כל הזכויות שמורות
בעריכה מיוחדת לקונטרס "גליונות לש"ק"